## אַ בעטלער אין גאַס

ווי מיט געהיימען כתב פון אַ פאַרשווערער-באַנדע
איז זיין פנים פאַרשריבן מיט פאַסמעס האָר.
פֿון זיין אויג פאַלן פייכטקייטן ווי אייביקער רעגן,
איבער זיין לייב איז געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר
מיט הילכיקע ציין פון געשטשערבעטע זעגן...

אין די פינצטערע ווינקלען פֿון צעריסענעם פנים
הענגען קייקעלעך בלוט פאַרגליווערטע, האַרטע,
און שוואַרצלעכער רויטקייט ווי פאַרלעגערט-פֿאַרדאַרטע קאַרשן.

זיין ברודיקע באָרד איז ברייט זיך צעלאָפן
איבער די שטילע וועגן פון זיין ברוסט,
גלייך זי וואָלט אויף דער עלטער געזוכט זיך אַ היים ...
נאָר גריבערדיק, גראָ איז זיין בוזעם ווי ליים,
איז זיין בוזעם דער אייזיקער ברעג, ווייל אין אים
שלאָפן דערינערונג-טייכן געפרוירן ...

דורך צעשפּאָלטענע בגדים קומען שטראַלן אויף די גאַסן: —
דער גוף פון אַ בעטלער רייסט פון זיך פאַסן,
וואַרפט פליישיקע פאַסן אַריין אין דעם טאָג.

פאַרשעמט זיך דער טאָג, און באַהאַלט זיך, אַנטלויפט
הינטער בערג הויכקעפּיקע זיבן מאָל זיבן.
איז שטאָט איינע אַליין מיטן טונקל געבליבן
און מיט שאָטנס אין האַרץ געוואַרט אויף אַ שטערן.

דערווייל דראָט דער הימל די הייזער, די סקווערן,
און איז: פייער, נאָכדעם: בלוט, און ביים סוף — גראָע טרערן.

**האָט דער טונקל די הימלען שטילערהייט אָפּגעשרויפט,**
**אָט-אָט זיי פאַלן - - נאָר זיי האָבן באַצייטנס**
**זיך אָנגעכאַפּט קראַמפּיק אָן די דערשראָקענע קעפּ**
**פון וואַקסנדע טורעמס. און אַזוי שטייען זיי, שטיצן**
**זייערע גופים די בלאָע אויף שטיינערנע שפּיצן,**
**פּונקט ווי אין גאַס דאָ האַלט דער בעטלער געקלעמט**
**אונטער די אָרעמס לאַנגע קוליעס און לענט**
**זיין חרובן קערפּער שווער, שווער...**

**פילט דער בעטלער:**
**ווי אַ שוואַרץ ווייט פעלד צעוואַקסט זיך די נאַכט,**
**און נעבן איר וואַקסט אַ דאַמע און א יינגעלע לאַכט.**
**דורך אַ רייף שפּרינגט דאָס יאַטל צעזונגען און שטיפט,**
**נאָר ביים ראָג אַ לאַמטערן וואַרפט אַ גרויס-געלע טרער**
**אויף אַ הוט ווי אַ זיפּ, אויף אַ קשאַקיק געזיכט.**

**גליווערט די רייף ביי דעם יאַטל וואָס שטיפט.**
**ער גאַפט: זעט איין אויג איז צעשניטן און טריפט,**
**ס'צווייטע אויג מיט כעס אויפגעפּראַלט און עס ברענט**
**און ווי אָפענע גריבער אַ פּאָר בעטנדע הענט.**

**די דאַמע שפּרייזט לייכט פאַרגאַרטלט מיט פרייד,**
**זי האָט ליכטער אין אויג און געזאַנג פון דער שטאָט.**
**נאָר פאַרסודותט כאַפּט אָן איר דאָס קינד ביי דעם קלייד:**
**"מאַמע, צי דער דאָ ... דער אַלטער ... איז גאָט?"**

---

***הייַנט* (וואַרשע) 27, נומ' 236, אָקטאָבער 19, 1934, ז'6**

**רעד.**: אונדזער ווערסיע נעמט אַרייַן שטערנס אייגענע פאַרבעסערונגען: דאָס ליד איז געדרוקט געווען אַ צווייט מאָל, אין די *"פאָלקסצייטונג"*, 19.5.39, ז.7 - אונטערן טיטל *"אַן אַלטער מאַן בעטלט אין גאַס"*.